בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מִקֵּץ

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Blominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

**קול ברסלב**
212-444-9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
212-444-9169

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות,
ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?..............................א

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵךְ קִינְדֶער?..............................ג

קֶענְט אִיר מִיר מְחַזֵק זַיין אוֹיף הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת?..............................ה

בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָּה דַארְף מֶען לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיוֹת?........ז

אוֹיף וָואס זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַקְפִּיד בַּיים קוֹיפְן נַייעֶ תְּפִלִין?............ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל קוֹבֵעַ זַיין צַייטְן צוּ לֶערְנֶען..............................א

מִיט חֶסֶד וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל..............................ב

פְּרֶעג דַיין מַאמֶע זִי זָאל דִיר זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג..............................ב

וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ קִינְד וֵויינְט צוּ זַיין טַאטֶע..............................ג

אַנְטְלוֹיף פוּן פַאלְשֶׁע לִימוּדִים פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת..............................ד

זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער..............................ו

בַּאלֵיידִיג זִיךְ נִישְׁט פוּן לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן הַפָּצָה..............................ז

יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן..............................ח

לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן..............................י

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד..............................יא

זֶען דָאס גוּטְס אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם..............................יב

זַיי מַמְשִׁיךְ שְׁטֶערְקֶער אוּן שֶׁענֶער וַוייטֶער צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים........... יג

אִיךְ לַיידְן דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם שַׁבָּת סִיוּם הַשַ"ס............................יד

תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע.................................... טו

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף אִין דַיין בִּיזְנֶעס............ טז

אִיךְ בֶּעט שׁוֹין לַאנְג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען פָאְרן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל...........................................................יז

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אִין שְׁטוּבּ..................................יז

לָאז אָפּ דָאס פְרוּמְקֵייט אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ....................יח

קוּק אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.................. יט

רֶעד שַׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת.................... כ

מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מֶען זָאל קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט צוּ זַיין צִיוּן..........................................................כא

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בַּיי מוֹהֲרָ"א"ש'ס צִיוּן אִין יַבְנִאֵל...............כב

דֶערְצֵייל דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.................כב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק..........................כג

חֲנוּכָּה דַארְף אַ טַאטֶע זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער........................כד

זֶע צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן שַׁיין........................................כה

נֶעם אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת..................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי אַ שִׁיעוּר דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן נַייעֶס בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן אוֹיךְ מִילֵי דִשְׁטוּתָא וְכַדּוֹמֶה, נָאר מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק אוּן גֶעדֶענְקֶען צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דִי שְׁמוּעֶס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט עֶס? אוּן ווִי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן א): ״כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר״, אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט דַארְף מֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם, ״כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר״, וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס אַ זַאךְ דַארְף מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ מֶען הֶערְט אַ שְׁמוּעֶס, אַ נַייעֶס וְכַדּוֹמֶה, דַארְף מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם רְמָזִים ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת

הָרַ"ן, סִימָן נב): "מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וַאֲפִילוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פוּן יֶעדֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן דִי נֵייעֶס פוּן דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם הֶערְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט, יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען הֶערְט אַ נֵייעֶס דַארְף מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אַ וֶועג אִין לֶעבְּן.

אַ שַׁבָּת טִישׁ קוּמְט נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן נֵייעֶס, אַ שַׁבָּת סְעוּדָה אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן נֵייעֶס בַּיים טִישׁ דָאס אִיז נָאר אִין אַ פַאל וֶוען דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט הֶערְן קַיין תּוֹרוֹת וְכוּ' דֶעמָאלְט זָאל מֶען זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט חָכְמָה דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן נֵייעֶס אוּן אִין דִי שְׁמוּעֶס לֵייגְט מֶען אַרַיין אַ וָוארְט דָא אַ וָוארְט דָארְט פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'.

יֶעצְט אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג, רוֹצְחִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען הַרְגְ'נֶען אִידְן, זֵיי הָאבְּן גְ'הַרְגְ'ט אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר מִיט אַ אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִנְקֹם דָּמָם; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט קָאכְט זִיךְ דִי נֵייעֶס, קֶען מֶען מִיט דִי נֵייעֶס מַאכְן אַ כְּלִי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען לֵייגְט אַרַיין אִינְמִיטְן פוּנֶעם שְׁמוּעֶס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַז פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאל מֶען לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיר, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַהֵיים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט", אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אָן אַהֵיים זָאל מֶען לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם".

מֶען קֶען אַרַיין לֵייגְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס אַז מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, "עֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב", דִי גוֹיִם הָאבְּן אוּנְז פַיינְט; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן קַיין אֵיין רֶגַע אַז דִי גוֹיִם זֶענֶען אוּנְזֶערֶע פְרֵיינְד אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען אִינֶעם צָרָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ מִילְתָא דִשְׁטוּתָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם ד, ה): "עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ"; דָאס קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵךְ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ טוּישׁ אִיךְ אַזוֹי סַאךְ זַאכְן אִין מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן חִינוּךְ, אַז מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן.

דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען הָאט מִיר מְחַנֵךְ גֶעוֶוען אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, אָדֶער הָאב אִיךְ גֶעקֶענְט טוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט, אוּן וֶוען אִיךְ הָאב יָא בַּאקוּמֶען מוּסָר אִיז עֶס גֶעוֶוען אוֹיף אַ וֶועג וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ ווִיל יָא הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן זָאגְן מוּסָר פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין נָאנְט מִיט זֵיי, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג?

אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם - לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי צוּ שְׁטַארְק, נָאר מֶען לָאזְט זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן אַלֵיין; מוֹהֲרַ"ש גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי שִׂיחָה, וַוייל ווִי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קִינְדֶער, מֶען צֶערְטְלְט זֵיי אוּן מֶען

שְׁפִּילְט מִיט זֵיי ווִי אַ חַבֵר, קוּקְן זֵיי אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן ווִי אוֹיף אַ חַבֵר, נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי וָואס צוּ טוּן וְכוּ׳ פָּאלְגְן זֵיי נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט רֶעדְן, בִּיז דִי עֶלְטֶערְן פַארְלִירְן זִיךְ און שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער. אָבֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן לָאזְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן אַלֵיינְס, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער ווִי חֲבֵרִים, דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע קוּק מִיט דִי אוֹיגְן אַלֶעס מְסַדֵר זַיין, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן און חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן, אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

גֶעבּ נִישְׁט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דֶעם גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר חַבֵר וֶועסְטוּ זֵיי נִישְׁט דַארְפְן מוּסָר׳ן אוֹיף אַן אוֹפֶן צוּ וֶוערְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, זֵיי וֶועלְן דִיךְ לִיבּ הָאבְּן און פָאלְגְן וָואס דוּ זָאגְסְט זֵיי.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, זָאג דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען לֶעכְטִיגֶע דוֹרוֹת:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְגַדֵל זַיין מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי, ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיינֶע קִינְדֶער און אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ זֵיי אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן און אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז: "קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער", "קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט וֶוען זֵיי טוּעֶן נִישְׁט וָואס מֶען הֵייסְט זֵיי". אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס חִינוּךְ מֵיינְט, אַז מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל זָאגְן און נָאכְאַמָאל זָאגְן בִּיז דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן און גֶערֶעגְט אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינגַאנְצְן אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים און אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג און פוּן אַלֶע מַיינֶע טֶעג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גוּט-מוּטִיג, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ און אַז אִיךְ און מַיין וַוייבּ זֶענֶען פְרֵיילִיךְ וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין רוּאִיג און צוּפְרִידְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט און אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער

**וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין ווילְן".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## קֶענְט אִיר מִיר מְחַזֵק זַיין אוֹיף הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק און די שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת, פַאר אַלֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, אִיךְ מִיט מַיין ווייב זֶענֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה דֶערְמִיט.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אָבֶּער מִיר דַארְפְן הִתְחַזְקוּת זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט די הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת. מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אִין בַּיישְׁטֵיין די נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

מִיר ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ, און מִיר ווילְן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אָבֶּער מִיר דַארְפְן הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵשֶׁב, י״ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט מְזַלְזֵל אִין די הַלָכוֹת ווַייל אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן נִישְׁט הִיטְן די הַלָכוֹת און דֶער עוֹנֶשׁ וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת.

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת יג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט און עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין ווַייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן און יְשִׁיבוֹת און גֶעפְרֶעגְט: ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין די תּוֹרָה (דְבָרִים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא פַארְוָואס

איז ער נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוּוִיסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְּרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טַהֲרַת הַמִּשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַודַאי הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן טַהֲרַת הַמִּשְׁפָּחָה", הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט פּוּנְקְטְלִיךְ צִי זִי הָאט גֶעהִיטְן אוֹיף אַלֶע הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אִיר מַאן הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף הַרְחָקוֹת; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'ט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי הַרְחָקוֹת בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען שְׁטַארְבְּט יוּנְגֶערְהֵייט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ אִיבֶּער חַזֶר'ן דִי הִלְכוֹת הַרְחָקוֹת; מוֹהַרָא"ש פְּלֶעגְט כְּסֵדֶר מְעוֹרֵר זַיין דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען הִלְכוֹת טָהֲרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, הֱיוֹת דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶע'חַזֶר'ט הִלְכוֹת טָהֲרָה אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל; פְּלֶעגְט מוֹהַרָא"ש זָאגְן: "אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען מֻבְדָּל וּמוּפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, ווִי מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק' הָאט אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט טוֹיזְנְט מָאל הִלְכוֹת טַהֲרָה, וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן?"

אַז מֶען הִיט אָפּ דִי הֲלָכוֹת הָאט מֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, ווִידֶער אוֹיבּ מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי הֲלָכוֹת, מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם, בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף אַז דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן נִישְׁט גֶעזוּנְט חַס וְשָׁלוֹם, מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ נָאכְדֶעם אַ גַאנְץ לֶעבְּן. זָאלְט אִיר פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן הִיטְן דִי הֲלָכוֹת, מְדַקְדֵּק זַיין אוֹיף יֶעדֶע סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף יֶעדֶע הַרְחָקָה, וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה דַארְף מֶען לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אוֹיבּ מֶען דַארְף לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת אָדֶער אִיז גֶענוּג דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה? אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז דָא סִדּוּרִים וָואס לֵייגְן אַלֶע דְרֵיי, אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע סִדּוּרִים אִיז דָא נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע, וֵויל אִיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הָאֲרִיזַ״ל, דִי דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיז זִיכֶער זָאלְסְטוּ לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשׁוֹת.

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר מֶען זָאל מְזַלְזֵל זַיין אִין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה ווייל דָאס הַרְגְ׳ט אִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער מַלְאַךְ הַמַּזִּיק וֶוערְט אוֹיס דוּרךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם. נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר׳ן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְגְ׳עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת ח:) רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי׳שֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע

פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיף וָואס זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַקְפִּיד בַּיים קוֹיפְן נַייעֶ תְּפִלִין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֵיין אוּן צוּ לֶעבְן מִיט דִי חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיף וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן מַקְפִּיד גֶעוֶוען בַּיים קוֹיפְן נַייעֶ תְּפִלִין, אוֹיף וֶועלְכֶע הִידּוּרִים הָאט מֶען מַקְפִּיד גֶעוֶוען בַּיי דִי בַּתִּים אוּן דִי פַּרְשִׁיּוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקֶר דַארְף מֶען נֶעמֶען תְּפִלִין וּמְזוּזוֹת פוּן אַן עֶרְלִיכְן סוֹפֵר, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט תְּפִלִין וָואס קוּמְט פוּן אַן עֶרְלִיכֶער סוֹפֵר. דֶעם רֶבִּינְ'ס תְּפִלִין אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי אֶפְרָיִם סוֹפֵר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הָאבְן דַיינֶע תְּפִלִין (עַיֵּין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמט).

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיף אַ סוֹפֵר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם? מֶען אִיז בּוֹדֵק זַיין רֶעדְן, מֶען הֶערְט ווִי אַזוֹי עֶר רֶעדְט; אוֹיב עֶר רֶעדְט ווֶיינִיג אוּן אֵיידֶל אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן זַיינֶע פַּרְשִׁיּוֹת. מוֹהֲרַנְ"ש זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מה, ב): "לְשׁוֹנִי, עֵט סוֹפֵר מָהִיר", אַז מֶען הִיט דֶעם צִינְג דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ סוֹפֵר מָהִיר, אַ גוּטֶער סוֹפֵר.

לֵיידֶער בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים זֶענֶען דָא סוֹפְרִים קַלִּים וְרֵיקִים, אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס וְוִי חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי פַארְדָארְבְּן. אִיךְ הָאבּ דָאס לֵיידֶער גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט סוֹפְרוּת פְּלֶעג אִיךְ זִיךְ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן סוֹפְרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וְוִי אַזוֹי סוֹפְרִים שְׁרַייבְּן. עֶס הָאט מִיר דֶעמָאלְט אָנְגֶעכַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ צִיטֶער; דֶער הֶערְט רֶעדִיאוֹ, אַ צְוֵוייטֶער הַאלְט אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אוּן רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אַנְדֶערֶע זִיצְן אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת וְכוּ', וְכוּ'. מַמָּשׁ וָואס דֶער מָשִׁיחַ שֶׁקֶר שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמוֹ הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זַייעֶרֶע סוֹפְרִים וָואס בִּשְׁעַתְ'ן שְׁרַייבְּן הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעטְרַאכְט אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעפִירְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן טְרֶעפְן עֶרְלִיכֶע סוֹפְרִים יִרְאֵי שָׁמַיִם.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל קוֹבֵעַ זַיין צַייטְן צוּ לֶערְנֶען.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הַנָאָה פוּן דִיר, בְּעִיקָר אַז דוּ בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה; דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל בּוֹקֶר לַהֲלָכָה. אוֹיךְ בִּיסְטוּ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה בַּייַנאכְט, דוּ לֶערְנְסְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדֶע נַאכְט בַּיים שִׁיעוּר פוּן הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ״א, פָּארִיגֶע וָואךְ; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: ״זֵיידִי הָאט אַן אֵיינִיקְל וָואס וואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטֶעטְל אוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג פַּארְטָאגְס אוּן בַּייַנאכְט״, זֵיידִי הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״הָאסְט מִיר גֶעמַאכְט אַ נַחַת רוּחַ״.

הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען פַאר׳ן דַאוֶוענֶען; דֶער טָאג אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג וָוען מֶען הֵייבְּט אָן מִיט תּוֹרָה, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל קוֹבֵעַ זַיין צַייטְן צוּ לֶערְנֶען. מִיט תּוֹרָה, עֲבוֹדָה אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים בּוֹיט זִיךְ דִי וֶועלְט.

דוּ אַרְבֶּעסְט דָאךְ דוּרְכְן טָאג צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, זָאלְסְטוּ שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת אַ גַאנְצֶע צַייט פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, מִיר זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מִיט חֶסֶד וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיר זָאלְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן הִילְף פַאר קִימְפֶּעטָארְנ׳ס צוּ קָאכְן עֶסְן, מִיטְ'ן צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל, יֶעדֶער זָאל הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

גֶעבְּטְס אִיבֶּער פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז מִיט חֶסֶד וֶועט זִיךְ בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, אוּן מִיט אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין. מוֹסְדוֹת בּוֹיט זִיךְ נִישְׁט מִיט גֶעלְט אוּן מַאכְט, קְהִילוֹת בּוֹיעֶן זִיךְ נִישְׁט פוּן נְגִידִים אוּן עֲשִׁירִים, נָאר דוּרְךְ אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אוֹיף דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ; דִי מְפִיצִים זָאגְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי עֶנְגְלִישֶׁע בְּרִיוו, עֶס מַאכְט לִיכְטִיג אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, כִּשְׁמוֹ כֵּן הוּא: "דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה". אוֹיךְ לֵיינְט מֶען דָאס פָּאר אוֹיף דִי הַאטְלֵיין, סֵיי פַאר מֶענֶער אוּן סֵיי פַאר פְרוֹיעֶן, הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דֶעם; דָאס אַלֶעס גֵייט פַאר אַייךְ אַ זְכוּת, אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## פְרֶעג דַיין מַאמֶע זִי זָאל דִיר זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי וַוייטֶער צוּ דַיין בַּאבֶּע און פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי וִוי דוּ לֶערְנְסְט אִין "בֵּית פֵּיגָא"; וֶוען דַיין בַּאבֶּע רֶעדְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער הַאקְן נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט כָּבוֹד, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען דוּ עֶנְטְפֶערְסְט אִיר זָאל עֶס זַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַז דַיינֶע קָאזִינְס רֶעדְן מִיט שַׁאנְד און שְׁפָּאט זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט נָאכְמַאכְן, דוּ גֵיי דִיר דַיין וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט אִין "בֵּית פֵּיגָא".

בְּנוֹגֵעַ דִי קְלֵייד וָואס אִיז קוּרְץ און דוּ ווִילְסְט וִויסְן אוֹיב מֶען קֶען גֵיין מִיט דֶעם בַּיי אַ חֲתוּנָה נָאר צְווִישְׁן פְרוֹיעֶן; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט פוּן דֶער נָאנְט; פְרֶעג דַיין מַאמֶע, זִי זָאל דִיר זָאגְן אוֹיב דָאס אִיז צְנִיעוּת'דִיג, זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִי וֶועט דִיר לֶערְנֶען פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

וֶוען מֶען וַואשְׁט גֶעשִׁיר און מֶען בָּאדְט קִינְדֶער קֶען מֶען אַרוֹיף צִיעֶן דִי עֶרְמְל עֶס זָאל נִישְׁט נַאס וֶוערְן.

דוּ קֶענְסְט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין מַאמֶע, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִיר; זִי אִיז זֵייעֶר אַ קְלוּגֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִי וֶועט דִיר נָאר הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ קִינְד וַויינְט צוּ זַיין טַאטֶע.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן - הִתְבּוֹדְדוּת און תְּפִלָּה. גֵיי אִין אַ וִוינְקְל וואוּ קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט און וַויין צוּ אִים וִוי אַ קִינְד וַויינְט צוּ זַיין טַאטֶע, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר מִיר און מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אִין שְׁטוּב וִוי עֶר אִיז סַיי דֶער טַאטֶע און סַיי דִי מַאמֶע, סַיי דִי מַאן און סַיי דִי וַוייבּ; עֶר דַארְף אַלֶעס טוּן וְכוּ', זַיין וַוייבּ טוּט גָארְנִישְׁט. הָאבּ אִיךְ אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען און גֶעזָאגְט: "אַז דוּ בִּיסְט סַיי דֶער טַאטֶע און סַיי דִי מַאמֶע, זַיי שׁוֹין אוֹיךְ דִי בֶּעבִּי,

זַיי דִי קִינְד וָואס וֵויינְט; גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דֶער טַאטֶע, דִי מַאמֶע אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ אַ קְלֵיין קִינְד, אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת".

יֶעצְט קוּמְט שׁוֹין חֲנוּכָּה; דִי שֶׁענְסְטֶע חֲנוּכָּה מַתָּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַז עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ; קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט מֶער, קִינְדֶער דַארְפְן אַ טַאטֶע מַאמֶע וָואס לִיבְּן זִיךְ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַנְטְלוֹיף פוּן פַאלְשֶׁע לִימוּדִים פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי אַלֶע פַאלְשֶׁע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: "וָחַי בָּהֶם", 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים

וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אִין סְפֵיקוֹת אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ, אוּן זִיכֶער אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע פְּרָטִים וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אִינֶעם בְּרִיו, מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, עֶס וָואלְט גְרִינְגֶער גֶעוֶוען דָאס צוּ רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים. אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן וָואס דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מְטוּלְטְשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּיקוּטִים") פְלֶעגְט זָאגְן - וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בִּדְבָרִים שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ': "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת", גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶער וֶוען מֶען מֶעג, מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ'; אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע סֵפֶר וָואס אִיז מַדְרִיךְ אַבְרֵכִים בְּעִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה, אַז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָבֶער זַיין סֵפֶר טָאר מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אִין שְׁטוּב; דֶער סֵפֶר הָאט שׁוֹין גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אַרָאפְּפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת. דֶער מְחַבֵּר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען הַנְהָגוֹת אוּן פְּרִישׁוּת פוּן צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים, הַנְהָגוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מֻבְדָּל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, אוּן גֶעגֶעבְּן דָאס אִיבֶּער פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן זַיין אֲפִילוּ פָּשׁוּט'עֶ אִידְן...

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעב אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק ווִי פְרוּמֶע, זֵיי גֶעבְּן הַנְהָגוֹת פַאר חֲתָנִים אוּן אַבְרֵכִים פוּן פְּרִישׁוּת אוּן חוּמְרוֹת וְכוּ', "פְּרִישׁוּת אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר"; דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַרַיין צוּ כַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ פַאסְטְקֶע אוּן אִים מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז מִיר גֶעפִינֶען (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת פְּרִיָּה וְרִבְיָּה וְהִלְכוֹת אִישׁוּת ג, ז) אַז רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: "לְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ כָּרָאוּי כַּמּוּבָא בַּסְּפָרִים", וָואס מֵיינְט: "כָּרָאוּי"? וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (סִפְרֵי דְּבָרִים, סִימָן קא) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים יד, כא): "כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה - קַדֵּשׁ אֶת עַצְמְךָ בַּמּוּתָּר לָךְ"; אַדְּרַבָּה, דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ הֵיילִיגְן אוּן זִיךְ "נִישְׁט" אָפְּשֵׁיידְן, אַזוֹי וֶועט מֶען זַיין הֵיילִיג אוּן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים, הֲלָכָה א, אוֹת א): "וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז פָּגוּם בִּבְרִית", אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ הָאט מֶען נָאכְדֶעם אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה, מֶען אִיז הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ וֶועל לַיידְן צוּלִיבּ דֶעם בְּרִיוו וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלִיטְן אַלֶע יָארְן פוּן דִי "צְבוּעִין שֶׁדּוֹמִין לִפְרוּשִׁין שֶׁמַּעֲשֵׂיהֶן כְּמַעֲשֵׂה זִמְרִי וּמְבַקְשִׁין שָׂכָר כְּפִנְחָס (סוֹטָה כב:)", פָּאפֶּערְס וָואס פַארְקוֹיפְן זִיךְ ווִי זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיכֶע וְכוּ׳; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלִיטְן אַלֶע יָארְן, אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל דִיר קֶענֶען רַאטֶעוֶוען פוּן שְׁלֶעכְטֶס, דוּ וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת - אִיז אַלֶעס כְּדַאי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט - מְלוּמְדוּת; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד, וָואס פַאר אַ זְכוּתִים עֶר הָאט אוֹיבְן אִין הִימְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט נוּצְן דַיינֶע הֶענְט, זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַ פַאל וָואס דוּ הַאלְסְט אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם מְנַהֵל מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַלֵיינְס פַּסְקְ׳עֶנֶען אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת. רוֹב מָאל וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִיז דָאס פוּן "פַארְלוֹירְנְקֵייט", אָדֶער צוּלִיבּ "פֶּערְזֶענְלִיכֶע גֶעפִילְן", מֶען נֶעמְט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען דֶער קִינְד שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט אַז דוּ הָאסְט מִיר אָנְגֶערוּפְן דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין חֵדֶר אוּן דוּ הָאסְט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ הָאסְט גוּט גֶעטוּן מִיטְ׳ן גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ; קוּמֶענְדִיגֶע מָאל קֶענְסְטוּ מִיר רוּפְן פְרֶעגְן פַארְ׳ן גֶעבְּן דִי פַּאטְשׁ אָדֶער זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל, אוּן אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל וֶועט פַּסְקְ׳נֶען אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אַ

פַּאטְשׁ פַארְ'ן קִינְד צוּלִיבּ חוּצְפָּה וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ גְלַייךְ מְכַבֵּד זַיין דֶעם מְנַהֵל מִיט דִי מִצְוָה.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ. דוּ וֵוייסְט נִישְׁט דִי נֵס וָואס דוּ הָאסְט; אִיךְ זָאג דִיר דָאס מִיט אַ רֵיינֶעם אֱמֶת, אִיךְ זָאג דִיר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אָפְּצוּשַׁאצְן דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן אִיר.

בְּלַייבְּט נָאר אִיבֶּער אֵיין זַאךְ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אוּן נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### בַּאלֵיידִיג זִיךְ נִישְׁט פוּן לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן הַפָּצָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מֵפִיץ צוּ זַיין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מְתַקֵן זַיין אַלֶעס, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה - שֶׁיִשְׁתַּדֵל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְעֶכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּאלֵיידִיג זִיךְ נִישְׁט פוּן לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן הַפָּצָה, וּבִפְרַט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן הַפָּצָה; זֵיי זֶענֶען אַלֵיינְס אַ שְׁטִיק חוֹזֶק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ מָאל אָנְשְׁרַייעֶן, פַארְשֶׁעמֶען אוּן אוּנְז אָנְרוּפְן 'אִיר זֶענְט טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט מְקָרֵב נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'"; דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז

נאַרישְׁקֵייטְן; בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידוּת אָן הַפָּצָה - אִיז לֵיצָנוּת, אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי׳ן הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג אִין הַפָּצָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט גֶעצֵיילְטֶע טֶעג פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן: "אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה"; דָאס אִיז דֶעם רֶבִּי׳נְס זַאךְ. הָאלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן יְרוּשָׁלַיִם׳עֶ לֵצִים וָואס זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "דָאס אִיז יָא דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ", "דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ", נָאר דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידוּ׳׳ס וְכַדוֹמֶה - אָן קַיין שׁוּם אָפְּשְׁטֶעל.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט פְּרַאוֶוען דַיין סִיּוּם הַשַּׁ"ס; מַאךְ אַ סִיּוּם בַּיי דִיר אוּן שְׁטוּבּ, רוּף דַיין טַאטֶע מַאמֶע מִיט דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, זָאלְן זֵיי הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר; זָאלְן זֵיי זֶען אַז אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען הָאט פַארגֶעסְן פוּן דִיר אָדֶער מֶען הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען חַס וְשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה נב:) אִיוֹב הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם שֶׁמָּא רוּחַ סְעָרָה עָבְרָה לְפָנֶיךָ וְנִתְחַלֵּף לְךָ בֵּין אִיוֹב לְאוֹיֵב", אֶפְשָׁר הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת צְוִוישְׁן מִיר אוּן אַ צְוֵייטְן? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "הַרְבֵּה נִימִין בָּרָאתִי בָּאָדָם", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַסַאךְ הָאר, "וְכָל נִימָא וְנִימָא בָּרָאתִי לָהּ גּוּמָא בִּפְנֵי עַצְמָהּ שֶׁלֹּא יְהוּ שְׁתַּיִם יוֹנְקוֹת מִגּוּמָא אַחַת", אוּן פַאר יֶעדְן הָאר הָאבּ אִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ קְלֵיינֶע גְרִיבֶּעלֶע, "שֶׁאִלְמָלֵי שְׁתַּיִם יוֹנְקוֹת מִגּוּמָא

אַחַת מַחְשִׁיכוֹת מְאוֹר עֵינָיו שֶׁל אָדָם", וַוייל אוֹיבּ צְוֵויי הָאר קוּמֶען אַרוֹיס פוּן אֵיין גְרִיבְּל וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן, "בֵּין גוּמָּא לְגוּמָּא לֹא נִתְחַלֵּף לִי, בֵּין אִיּוֹב לְאוֹיֵב נִתְחַלֵּף לִי", יֶעדֶער הָאר אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן וואו עֶס זָאל זַיין, טְרַאכְטְסְטוּ אַז אִיךְ מַאךְ אַ טָעוּת צְוִוישְׁן דִיר אוּן אַ צְוֵוייטְן ? !

יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מִיר ווִילְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב) : "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער : "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ". וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד. אָבֶער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה".

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת ; מִשְׁנָיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע. מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד) : "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי" ; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרֵיינְגֶעפַאלְן, אוֹיךְ וֶועט דָאס דִיר אָרָאפּ בְּרֶענְגֶען פוּן דַיין צֶעפָארְנְקֵייט, דוּ וֶועסְט וֶוערְן מְיוּשָּׁב וּמְסֻדָּר, וְסִימָנָךְ (כְּתוּבּוֹת סא:) : "מַתְנִיתָא מַלְכְּתָא", (שַׁ"ס) מִשְׁנָיוֹ"ת וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ מֶלֶ"ךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר הָאט נָאר פַארְשְׁטַאנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי שִׂיחוֹת פוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן; אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין 'חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן', 'שִׂיחוֹת הָרַ"ן' אוּן אִין 'סֵפֶר הַמִּדּוֹת', דִי סְפָרִים וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דֶערִין גְרוֹיס חִיזּוּק אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָּמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מֵיין אִיךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער איד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן וֶועסְטוּ זֶען דִי שִׂיחָה פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף אִינְגֶעלַייט זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דִי שִׂיחָה (שָׁם, סִימָן רסד) וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ

וַוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים אוּן צַעַר לֵידָה וְכוּ׳.

זַיי מְוַתֵּר אִין שְׁטוּב אוּן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן צְווִישְׁן אַייךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּב, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג): "בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָיְתָה הַשְּׁכִינָה נִקְרֵאת בְּשֵׁם שָׂרָה, וּבִימֵי יִצְחָק בְּשֵׁם רִבְקָה, וּבִימֵי יַעֲקֹב בְּשֵׁם רָחֵל וְלֵאָה", אוּן אַזוֹי אִיז אִין יֶעדֶע דוֹר; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ מַאכְט עֶר אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דִינְסְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין דֶער חִינוּךְ אָוֶוענְט פַאר אַלֶע מַאמֶעס וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד, עֶס וֶועט פָּארְקוּמֶען אִין סְקוּל; אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת אוּן זֵיי ווילְן וויסְן ווִי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, זֶענֶען אוֹיךְ גֶעלַיידְנְט צוּם חִינוּךְ אָוֶוענְט; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן ווִי אַזוֹי מֶען צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיפְן רֶבִּי'נְס וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ; זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם. דוּ זֶעסְט דָאךְ אַלֵיינְס בַּיי דִיר אַז וֶוען דוּ קוּמְסְט צְווִישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ רֶעדְסְטוּ אַנְדֶערְשׁ אוּן דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז אַנְדֶערְשׁ; אַלֶע דִיבּוּרִים דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, הַפָּצָה, סִיוּמִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר אוֹיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֵיין הַפָּצָה אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן

עו).

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, י): "וְהֵם, לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", אִין אִידִישׁ זָאגְט מֶען שְׁטוּב, 'הֵיים', אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין זַיין שְׁטוּבּ - "וְהֵם", עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ אַ צַדִיק, עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ נִישְׁט מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶעמָאלְט "לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן אַ צַדִיק; וַוייל וִוי נִישְׁט וִוי, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?' מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ: 'אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט הַיינְט'; מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען'; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַלֵיינְס אַ צַדִיק.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל אוּן וֶועט בְּלַייבְּן פַאר אֵייבִּיג.

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען אַז מָארְגְן נַאכְט אִיז דָא אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, אַ חִינוּךְ אָוֶוענְט פַאר אַלֶע פְּרוֹיעֶן. עֶס וֶועט פָּארְקוּמֶען אִין סְקוּל, סַיי פַאר דִי מַאמֶעס וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אוּן אוֹיךְ דִי פְּרוֹיעֶן וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, נָאר זֵיי ווִילְן ווִיסְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, זֶענֶען אוֹיךְ גֶעלַיידְנְט צוּם חִינוּךְ אָוֶוענְט. בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן וִוי אַזוֹי מֶען צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**זֶען דָאס גוּטְס אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִר.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דָאס זַיינֶע אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דָארְט וואוּ אִיךְ זֶע אַ חִסָרוֹן אִיז דָאס מַיין חִסָרוֹן";

אַז מִיר וֶועלְן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אוֹיף אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים וֶועלְן מִיר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיבֶּער דְרֵייעֶן צוּ וֶוערְן אַ שְׁטִיק גוּטְס.

עֶס הָאט מִיר נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דַיין עֶנְטְפֶער, וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפְרֶעגְט נֶעכְטְן וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל הָאסְטוּ מִיר גֶעעֶנְפֶערְט: "נִישְׁט דָא מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן, יֶעדֶער לִיגְט אִין גֶעלְט; דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם גֶעלְט"; אִיךְ בִּין דִיר דַן לְכַף זְכוּת אַז אֶפְשָׁר גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר דַחְקוּת וַעֲנִיוּת, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט וְכוּ'.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט בִּיטוּל? יֶעדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָאךְ אַ טֵייעֶרֶער דִימַאנְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סוֹף סִימָן ו): "כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת כֶּתֶר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", יֶעדֶער אִיד אִיז אַ דִימַאנְט אוֹיפְ'ן קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בִּפְרַט דִי מְקוּרָבִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס יֶעדֶער הָאט אִין זִיךְ אַזוֹיפִיל גוּטְ'ס.

שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן; נֶעם אַרֵיין אִין דִיר דִי אֱמוּנָה, זִינְג צוּ דִיר אַגַאנְצְן טָאג: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין מִיר, מִיט מִיר אוּן נֶעבְן מִיר". בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּקְן גוּט אוֹיף דִיר אַלֵיינְס, אוֹיף דַיין וַוייבּ, אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף מִשְׁפָּחָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג:) אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנֶעם הֵייל הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְט מֶענְטְשְׁן, נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אַז עֶר הָאט גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי אַלֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ זֶע אִין דִיר נָאר גוּטְס.

...

**זַיי מַמְשִׁיךְ שְׁטֶערְקֶער אוּן שֶׁענֶער וַוייטֶער צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ דְרוּקְן דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' יֶעדְן טָאג מִיט דִי בְּרִיוְון.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פוּן אַייךְ קֶענְט אִיר וִויסְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע"; מִיר הָאבְּן דָאךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעגֶען מִיר וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים וְכוּ', וְכוּ', אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּקִים דַארְפְן דָאךְ זִיכֶער אַסַאךְ חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן; דִי בְּרִיוְון, דִי פָּשׁוּט'ע דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַיֶּה.

בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער ..., זַיי נִישְׁט אַזוֹי בְּקַטְנוּת הַדַּעַת, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְס; טְרַאכְט פוּן דָאס גוּטְס וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ שְׁטֶערְקֶער אוּן שֶׁענֶער וַוייטֶער צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים. גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מִיט גְרַייזְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עֶס דְרוּקְן מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת אוּן נְקוּדוֹת אַז עֶס זָאל זַיין גְרִינְג צוּ לֵיינֶען.

וֶוער עֶס לֵיינְט דִי בְּרִיוְון זָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ מוֹהֲרַא"שׁ'ס בְּרִיוְון; דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער, דִי זֶעלְבֶּע חִיזוּקִים, נָאר אַבִּיסְל מֶער אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר הַיינְטִיגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן. "קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה (בְּרֵאשִׁית לז, ז)", "קָמָה אֲלֻמָּתִי", דִי בִּינְטְלֶעךְ - דִי קוּנְטְרֵסִים הֵייבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "וְגַם נִצָּבָה", עֶס גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבוֹרָכִים.

...

## אִיךְ לַיידְן דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם שַׁבָּת סִיוּם הַשַּׁ"ס.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ לַיידְן דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם שַׁבָּת סִיוּם הַשַּׁ"ס - שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אִין דִי קְרַאוּ"ן פְּלַאזַ"א הָאטֶעל.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט אַנְטֵייל נֶעמֶען, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, פוּן דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז

גֶעגֶעבְּן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד, אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ שְׁוַואכֶע פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ מֶען אִיז טָרוּד מִיט פַארְשִׁידֶענֶע טִרְדוֹת וְכוּ', וְכוּ', קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ. מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין בִּיז אַ פָּאר יָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה; תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וּבְרַיְתוֹת, בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, סִפְרָא, סִפְרֵי אוּן מְכִילְתָּא, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, רַמְבַּ"ם, טוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִיר, אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר אוּן אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר; אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ וַוארְט וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען פַאר'ן גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט, אָדֶער נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט, אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת צוּם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר לָאַבְרֵכִים.

קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט הָאבְּן פוּן דֶעם אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, נָאר דוּ אַלֵיינְס אוּן דַיינֶע קִינְדֶער; דוּ וֶועסְט מַרְוִיחַ זַיין פוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן רֶבִּינְ'ס לַייט.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

## תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ! פַאר דִי גוּטֶע נֵייעֶס וָואס דוּ הָאסְט מִיר הַיינְט דֶערְצֵיילְט, אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

מֶען זֶעט וָואס תְּפִלָּה טוּט, וִוי שְׁטַארְק תְּפִלָּה אִיז; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט): "תְּפִלָּה מְשַׁנֶּה אֶת הַטֶּבַע", תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע; אֲפִילוּ דִי נַאטוּר זָאגְט אֵיין זַאךְ, קֶען מֶען מִיט תְּפִלָּה אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי נַאטוּר.

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; עֶס גֵייט בְּקָרוֹב אַרַיין צוּם דְרוּק. אִין דֶעם זְכוּת פוּן דְרוּקְן דִי בְּרִיוְון

וָואס אִיז מְחַזֵק טוֹיזֶנְטֶער טוֹיזֶנְטֶער מֶענְטְשְׁן וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ נִסִים בַּיי דִיר אוּן בַּיי דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ הִיטְן מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

**נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף אִין דַיין בִּיזְנֶעס.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵשֶׁב, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט דַיין נַייעֶ בִּיזְנֶעס, דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף אִין דַיין בִּיזְנֶעס וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה; ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שׁוּתָּף? יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט טוּן בְּנוֹגֵעַ דִי בִּיזְנֶעס זָאלְסְטוּ זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אַזוֹי ווִי צְוֵויי שׁוּתְּפִים וֶוען זֵיי ווִילְן עֶפֶּעס טוּן אִינֶעם בִּיזְנֶעס רֶעדְט מֶען זִיךְ דוּרְךְ אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט וּפְרַט, אוּן נָאר אַזוֹי קוֹיפְט מֶען סְחוֹרָה אוּן מֶען פַארְקוֹיפְט סְחוֹרָה וְכוּ׳, וְכוּ׳; אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט אַ חַבֵר.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, ווִי אַזוֹי מֶען הָאט הַצְלָחָה אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט - אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, מֶען מַעֲשֵׂר׳ט דִי רְוָחִים אוּן מֶען גֶעבְּט אַרָאפּ פַארְ׳ן שׁוּתָּף זַיין חֵלֶק. אַזוֹי ווִי צְוֵויי שׁוּתְּפִים דַארְפְן זִיךְ טֵיילְן מִיט דִי רְוָחִים, אַזוֹי דַארְף מֶען אַרָאפְּגֶעבְּן דִי חֵלֶק מַעֲשֵׂר פַאר צְדָקָה, דָאס אִיז דִי חֵלֶק פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי צְוֵויי זַאכְן, דוּ וֶועסְט יֶעדֶע זַאךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ וֶועסְט אִים פְרֶעגְן פַאר דוּ מַאכְסְט אַ גֶעשֶׁעפְט: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זָאל אִיךְ מַאכְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט?״ ״אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר?״ ״וֶועל אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין?״ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אוּן דוּ וֶועסְט גֶעבְּן צְדָקָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

שְׁרַייבּ מִיר וֶוען דוּ מַאכְסְט אַ סִיוּם מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ׳ זַיין.

...

**אִיךְ בֶּעט שׁוֹין לַאנְג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן אַזוֹיפִיל, אָבֶּער זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹב פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעכַאפְּט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף אֵיין טָאג; אִיךְ ווִיל כְּסֵדֶר פָּארְן צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוּן יֶעצְט אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אוֹיף ...׳ס חֲתוּנָה, עֶר הָאט מִיר בַּאצָאלְט אַ טִיקֶעט צוּ קוּמֶען. דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, וַוייל אִיךְ בֶּעט שׁוֹין לַאנְג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מָארְגְן נָאכְט וֶועל אִיךְ זַיין בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ׳ס צִיּוּן, אִיךְ וֶועל דִיר מַזְכִּיר זַיין מִיט דַיין וַוייבּ אוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה לְטוֹבָה.

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרַיין אִין דֶעם לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב, סִימָן ב): ״יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה״, דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה אִיז יְמֵי הַלֵּל וְהוֹדָאָה, טֶעג פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**זֶע צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי אַבְרְכֵי הַכּוֹלֵל אַז דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר פְלַייסִיג מִיט אַ גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה; יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ אוּן אוֹיךְ מַאמִי תְּחְיֶ׳ בַּאקוּמְט דֶערְפוּן כֹּחַ, וַוייל דָאס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע

תּוֹרָה.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ פָאר קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרַ"שׁ; אִיךְ דַארְף אָפְּגֶעבְּן אַ דַאנְק און אַ לוֹיבּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען דִיר צוּ פִירְן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע עֶרְלִיכֶע וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ. זֶע צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אִין שְׁטוּבּ; אֲפִילוּ דוּ לֶערְנְסְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל דָאךְ זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, וַוייל אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ זֶען פוּן דֶער נָאנְט וִוי אִיר מַאן לֶערְנְט, און שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זֵיי זָאלְן זֶען וִוי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט אִין שְׁטוּבּ.

זַיי נִזְהָר אִין מִקְוֶה; זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפַּאסְן קַיין מִקְוֶה אוֹיף קַיין שׁוּם פַּאל, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

...

**לָאז אָפּ דָאס פְרוּמְקֵייט און עֶרְנְסְטְקֵייט, זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחְלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד). וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס און דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם". "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; לָאז אָפּ דָאס פְרוּמְקֵייט און עֶרְנְסְטְקֵייט, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דָאס בְּרֶענְגְט נָאר נֶערְוְון און שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; דוּ זַיי נָאר בְּשִׂמְחָה, נָאר פְרֵיילִיךְ. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט הֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים; דָאס וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין קָאפּ און אַלֶע נֶערְוְון און

שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וֶועלְן אַוֶועק גֵיין.

זָאג יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח) אַז תְּהִלִּים אִיז פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ ווִי אַן אָנְלַיינֶער (אַ וָואקֶע"ר), אַזוֹי ווִי עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן מִיט אַן אָנְלַיינֶער זֵיי זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּאלְן, אַזוֹי אִיז תְּהִלִּים; וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים הָאט מֶען אוֹיף וָואס זִיךְ אָנְצוּלַיינֶען מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בְּעֵת צָרָה. דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים יח יט): "וַיְהִי ה' לְמִשְׁעָן לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיר אַן אָנְלַיינֶער; תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּחַד וְכוּ'; עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין, עֶס אִיז אַ נִסָּיוֹן פַאר דִיר, מֶען ווִיל זֶען פוּן הִימְל ווִי אַזוֹי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אַלֶעס בָּטֵל וֶוערְן.

מָארְגְן נַאכְט קוּמְט פַאר דִי חִינוּךְ אָוֶוענְט, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

קוּק אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, עֶנְדֶערְשׁ שְׁטוּפּ אָפּ דַיינֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל.

אִיךְ מֵיין עֶס אִיז שׁוֹין צַייט זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן ווֵיינֶען אוּן אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. מוֹהַרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן סֵפֶר מֶדְרָשׁ שְׁמוּאֵל אַז עָ'שִׁ'י'ר' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "עֵ'ינַיִם שִׁ'נַּיִם יָ'דַיִם רַ'גְלַיִם"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיגְן - עֶר קֶען זֶען, צֵיינֶער - צוּ עֶסְן, הֶענְט אוּן פִיס - דֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וְוען דו וָואלְסְט וֶוען גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל זֶען וָואס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֵויינְט אוֹיף דַיין מַזָל; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר זַיין דִי תַּלְמִידִים מֶען זָאל גֵיין מִפַּעַם לְפַעַם אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל - ה' יְרַחֵם עֲלֵיהֶם. קוֹדֶם אַלְץ דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מ.): "וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵר חוֹלִים אִיז כְּאִילוּ עֶר אִיז שׁוֹפֵךְ דָמִים"; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (נְדָרִים לט:) "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצוֹל מִדִינָהּ שֶׁל גֵיהִנָם", וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵר חוֹלִים וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גֵיהִנוֹם; צְוֵוייטְנְס - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זָאגְן - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין שְׁפִּיטָאל מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֵייבְּט עֶר אָן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען קֶען גֵיין, קוּמֶען, עֶסְן וְכוּ' וְכוּ'.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער ..., אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען פָאלְג עֶנְדֶערְשׁ דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ פְלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן דֶערְצֵייל אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זָאג אִים: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ קֶען זִיךְ קֵיין עֵצָה נִישְׁט גֶעבְּן מִיט** ... (דֶערְצֵייל אִים פוּנְקְטְלִיךְ אַלֶעס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוֹת), **הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין דָאךְ דַיין קִינְד, אַ טַאטֶע הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ קִינְד וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס**", אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵשֶׁב, י"ט כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הַיינְט נַאכְט צוּ קוּמֶען צוּ דִיר אִין "בֵּית שֶׁמֶשׁ", אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט מַאכְן אַ מִנְיָן, אִיר וֶועט דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ.

אִם יִרְצֶה ה' יֶעדֶעס מָאל אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּ אַנְדֶערֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי נֵס, דִי גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע נֵס אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ'; זָאלְסְט אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, זָאלְסְט אִיר הַאלְטְן חָשׁוּב.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת; אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן הֶער אוֹיס אִירֶע וֵוייטָאגְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דָאס גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אִיז תָּלוּי אִין דִי וַוייבּ.

אִיךְ הָאף זִיךְ צוּ זֶען מִיט דִיר הַיינְט נַאכְט.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

## מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מֶען זָאל קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט צוּ זַיין צִיוּן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיווּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעכַאפְּט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר אֵיין טָאג, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ'ס צִיוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיווּ אַפָּאר שָׁעָה פַאר'ן הִסְתַּלְּקוּת: "פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְט אִיר קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם. וֶוען אִיר וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אִיר וֶועט דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַ יְשׁוּעָה, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אֱמוּנָה, אֲרִיכוּת אַפַּיִם, קְדֻשַּׁת הַבְּרִית אוּן אַזוֹי וַוייטֶער (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קנה; וְעוֹד).

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין צוּרִיק מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי; עֶס וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָארְקוּמֶען דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בַּיי מוֹהַרָא"שׁ'ס צִיּוּן אִין יַבְנִאֵל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ בִּין יֶעצְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן בַּיי מוֹהַרָא"שׁ'ס צִיּוּן אִין יַבְנִאֵל וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר. הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה ה' אַ שִׁיעוּר פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**דֶערְצֵייל דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן**
**מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט, גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס; יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט זוּכְט דֶער שָׂטָן דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן דוּרְךְ כַּעַס, וַוייל אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

גֵיי אַהֵיים פְּרִי, דַיינֶע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דִיר; גְרֵייט אָן אַ מְנוֹרָה פַאר אַלֶע דַיינֶע אִינְגְלֶעךְ, זִינְג מִיט זֵיי פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים אוּן דֶערְצֵייל זֵיי דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט.

בַּיי דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ דַארְפְּסְט; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז בִּשְׁעַת דִי לֶעכְט בְּרֶענְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת בַּיים צִינְדְן דִי מְנוֹרָה בִּיז נָאךְ דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואס מֶען זִיצְט בַּיי דִי לֶעכְט.

אַ גוּטְן חֲנוּכָּה.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אִיז אַ גוּטֶע צַייט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. לָאז אָפּ דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים; רֶעד נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶע זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם עֲבֵירוֹת אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט דִי וָואס רֶעדְן לֵיצָנוּת אוֹיף דִי תּוֹרָה.

יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט, דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי דִי גְמָרָא זֶעט אוֹיס; שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ דַאוֶוענְסְט נִישְׁט, דוּ טוּסְט נִישְׁט אָן קַיין תְּפִלִּין, יֶעצְט חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע טִירְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיוֹב לא, לב): "בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵר"; "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, "הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה", דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, "וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", וֶוער עֶס וִויל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים; הֵייבּ אָן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן

דִי תּוֹרָה, זָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶער דֶעם קוֹל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): "גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!" דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיינֶע רְצוֹנוֹת, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן זַיין גוּט. הֵייבּ זִיךְ אוֹיף טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ה.): "אֵין כָּל דָּבָר עוֹמֵד בִּפְנֵי כָּל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה", קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק.

אַ גוּטְן חֲנוּכָּה.

...

## חֲנוּכָּה דַארְף אַ טַאטֶע זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵו, ב' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ קֶענֶען זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין יוֹשֶׁר צוּ בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן וֶוען דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דִיר צוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי וָואס קוּמֶען נִישְׁט אַהֵיים צַייטְלִיךְ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; וֶוער הָאט אוּנְז נָאךְ אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן - אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ, מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זֵייעֶר רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִי וָואס פָארְן אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ אוּן לָאזְן אִיבֶּער דִי קִינְדֶער, וַוייל חֲנוּכָּה דַארְף אַ טַאטֶע זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע וִוויכְטִיגֶע זַאכְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מָאל; גֵיי אַהֵיים צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער, זִינְג מִיט זֵיי, טַאנְץ מִיט זֵיי אוּן דֶערְצֵייל זֵיי דִי נִיסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## זֶע צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵו, ב׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

יֶעצְט חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי; בֶּעט אִיךְ דִיר, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי אוּן קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען פוּן יֶעצְט אַרַיין כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זֶען צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין, אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן נִיבּוּל פֶּה וְכַדוֹמֶה, דָאס אִיז אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ד): ״הַמְנַבֵּל פִּיו, מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנּוֹם, גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק״, וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען אִים טִיף דַיין גֵיהִנּוֹם, אוּן אוֹיךְ פַאר דֶעם וָואס הֶערְט נִיבּוּל פֶּה אוּן עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט; נָאר אֲפִילוּ נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה, דַארְף מֶען אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן נִישְׁט פְּרָאסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין יז:): ״רַב בָּדִיק בְּלִישְׁנֵיהּ״, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט דַיין רֶעדְן וֶוער עֶר אִיז; אוֹיבּ רֶעדְט מֶען אֵיידְל אִיז מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַז נִישְׁט אִיז מֶען נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן יט): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית; דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דַוְקָא לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, נָאר סֵיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט, אוֹיבּ רֶעדְט עֶר אַ הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס הֵייסְט עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן עֶר אִיז מְנַבֵּל זַיין מוֹיל מִיט אַלֶע מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית, פַארְקֶערְט עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, עַיֵּין שָׁם.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### נֶעם אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דַּחֲנֻכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף וָואס עֶס פֶעלְט דִיר; אִיךְ זָאג דִיר אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס וֶועט דִיר זַיין גוּט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זַיין פְרֵיילִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד); אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי גֵיהִנּוֹם, אַזוֹי וְוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "אַז דוּ וֶועסְט טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם".

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אַ שָׁאד אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת; אַ שָׁאד אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט פָאלְגְן, דוּ הַאלְסְט זִיךְ קְלוּגֶער וְכוּ'. מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגָע'נֶעם קֶען מֶען הֶעלְפְן; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אַז דֶער מְשׁוּגָע'נֶער הַאלְט אַז עֶר אִיז נָארְמַאל אוּן דֶער דָאקְטֶער אִיז גָאר מְשׁוּגָע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סז): "כִּי עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, כִּי הַמְשֻׁגָּע - אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל", פַארְוָואס וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע? וַוייל עֶר פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת'ן חָכָם אוּן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פוּל מִיט שִׁגְיוֹנוֹת וָואלְט גֶעפָאלְגְט אַ חָכָם וָואלְט עֶר גֶעוָוארְן אוֹיס מְשׁוּגָע; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט פוּן זִיךְ, עֶר הַאלְט אַז עֶר אִיז דֶער קְלוּגְסְטֶער אוּן גֶעלוּנְגֶענְסְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל צוּ אַ צַדִּיק אוּן צוּ אַן אֱמֶת'ן חָכָם וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְפִירְט וֶוערְן.

הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעבְּלָאנְזְשֶׁעט, יֶעצְט אִיז צַייט אָנְצוּהֵייבְּן לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן, גֵיי נִישְׁט אַלֵיינְס, פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט

אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַלֵיינְס אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אַסַאךְ מָאל מַאכְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן גוּט אוּן פֵיין פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, נָאר וַוייל עֶר וִויל אִים אַיינְרֶעדְן אַז עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאכְדֶעם וַוארְפְט עֶר אִים אַרָאפּ אִין אַ פְּלָאנְטֶער אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען פוּנֶעם פְּלָאנְטֶער.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...